לעזט היינט אויף דער 11-ער זייט דעם אנהויב פון אונזער נייעם ראמאן „משפחות אין פלאמען"


Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 35 גראשען

היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| № 245 | Łódź, Piątek, 21 października 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, כ״א תשרי תרצ״ג | № 245 |

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71



ZNAK OCHR.
FABRYKA SUKNA
JÓZEF FRÄNKEL
BIELSKO
DEKATYZOWANY

## JÓZEF FRÄNKEL, BIELSKO
**Fabryka sukna**

עמפפעהלט דער געעהרטער קונדשאפט צום הערבסט און ווינטער-סעזאן דעם גרעסטען אויסוואהל פון איהרע פיינסטע אויס-ארבייטונגען פון **קאמגארן** אין די שענסטע מוסטערן און פארבען, אזוי-ווי **מאדע- ווי גלאטע-ווארען**
**אין איהר אייגענעם פאבריקס-לאגער**
**אין לאדז, פיעטריקאווער 27** פראנט 1 שטאק טעל. 192-28
ווי אויך ביי איהרע ג׳ אפנעהמער. די ג׳ קונדשאפט ווערט געבעטען אכטונג צו געבען אויף אונזער פאטענטירטע שוצמארקע, וואס איז א גאראנטיע פאר די פיינסטע ביליצער סחורה.
**אריגינאלע פאבריקס-פרייזען.**

## בעקאנטמאכונג.
די בעוואוסטע פירמע
## A. RAPAPORT i SYNOWIE, BIELSKO
**Fabryka sukna**

וואס בעזיצט דעם **פאבריקס-לאגער איז לאדז, פיעטריקאווער 39, טעל. 124-23** מאכט בעקאנט דער געעהרטער קונדשאפט, אז זי האט טראנספערירט
**א פיליאלע אויף 12 נאוואמיעסקא 12**
וואס בעזיצט אויף לאגער צום איצטיגן הערבסט און ווינטער-סעזאן א גרויסען אויסוואהל פון זעמטליכע **קאמגארן-אויסארבייטונגען** פון די שענסטע פארבען און מוסטערן, ווי אויך גלאטע און מאדע-ווארען אלעס צו געגויע פאבריקס-פרייזען.
**הורט און דעטייל!** **סאלידע בעהאנדלונג.** **הורט און דעטייל!**

רעיעלע בעהאנדלונג!




ביליגסטע

48 **די ביליגסטע קוועלע** 48
און דער גרעסטער אויסוואהל פון די
**נייעסטע אנציגער- און פאלטען-שטאפען**
ווי אויך אויף **דאמען-מענטעל**
פון די בעסטע ביליצער און טאמאשאווער פאבריקען, ווי אויך לעאנארדט׳ס
צום איצטיגען הערבסט- און ווינטער-סעזאן בעזיצט נור
דאס גוט-בעקאנטע **טוך- און קארט-געשעפט**
**Sz. MINCBERG, Łódź**
**48 Piotrkowska 48**
front, I piętro, tel. 217-30
48 **הורט און דעטייל!** 48

23 **אמבעסטען און אמביליגסטען** 23
קויפט איהר איין צום בעפארשטעהענדען הערבסט און ווינטער-סעזאן
**די נייעסטע הערען- און דאמען-שטאפען**
פון די בעסטע ביליצער, טאמאשאווער און לעאנארד׳ס סחורות
**נאר אין דעם בעוואוסטען טוך- און קארט-געשעפט פון**
## M. TAZBIR
לאנגיעהריגער מיטארבייטער פון דער געוועזענער פירמע ק. מילגראם
**לאדז, פיעטריקאווער 23, טעל. 226-39, פראנט, 2-טער שטאק**
וואו איהר בעקומט אלעס צו קאנקורענץ-פרייזען.
הורט און דעטייל! רעיעלע בעהאנדלונג!
23 געדענקט די אדרעס! 23

3 **דאס בעקאנטע** 3
רעיעלע בעהאנדלונג!
**טוך און קארט-געשעפט**
## HERMAN WŁOSKI
**לאדז, 3 נאוואמיעסקא 3 טעל. 114-92**
פראנט, 2-טער שטאק
עמפפעהלט צום איצטיגען הערבסט און ווינטער-סעזאן דעם נייעסטען אויסוואהל
**פון די נייעסטע דאמען און הערן-שטאפען**
פון די בעסטע לאדזער, טאמאשאווער, ביליצער
לעאנארדס און אויסלענד. אויסארבייטונגען.
הורט און דעטייל!
3 בעסטע קוואליטעט! נייעסטע מאדע! פאבריקס-פרייזען! 3

# א תפלה
## צו הושענא רבה

אַלמעכטיגער גאָט, דו האַר פון דער וועלט!
ווי קענסטו מיך שטראָפן? מיין לעבן פאַרשעלטן?
אָ, ליבינקער טאַטע, אָ, הימלישער פאָטער,
דו גרויסער בעשיצער פון יוד און פון טאָטער...
פערגיב מיר די מצוות! דו האָסט מיך פערדאָרבן!
געבראַכט צום מזבח פון צניעות אַלס קרבן...
צי פיהלסטו דיין שולד נישט? אָ, זיי זיך מתודה!
ס׳געהט שמחת תורה, דו ווייסט דאָך אַוודאי!
אָ, הימלישער „לייטנאַנט“, אָ, הייליגער בורא!
דו פירסט דאָך דאָס וועלטל—איך האָב דען אַ ברירה?
על חטא שחטאתי, פערגיב מיר, דו בורא,
דערפאַר וואָס מיין האַרץ איז פערפולט מיט דיין תורה
על חטא שחטאתי: אַנומעלט איך זיך מיר —
אַזוי ביי מיין שכן, און שרייב זיך אַ וויץ מיר,
איך זעה ווי דער בחור זיין גאָלדענעם זייגער
פערגעסט אויפן טישעל און לאָוס נאָך אַ שטייגער
אַ פעקעל, אַ „מאַטניא“ מיט געלד, אַ עס קבאַקט אַזש!
איך פיהל אין די שלייפען ס׳ברענט און ס׳האַקט—אַזוי.
דאָך מיינסטו, איך האָב כאָטש פערגומען אַ גראָשען?
אַך, ווייס איך!.. נישטא שוין זען פיער—פערלאָשען!
פערגיב מיר דאָס אַלעס! אָ, האַר פון די הימלען!
און לאָז אין מיין האַרץ נישט דעם שטן געשימלען!

פון משה נאדיר.

# שמחת תורה...
## פרעהליכע געדאַנקען פון א לאדזער פאַצעט

אויסגעלערנט גאַנצע תורה
קען פון אויסווייניג אַלעס:
ווייס די בשר ודגים טעמים,
ווי אַזוי צו אכל׳ן חלות...

נאָר צום ליבסטען מעהר פון אַלע
האָב איך די מצווה פון „בנות תקח“
„שלח תשלח את האם“,
און די מאַמען אַוועק שיק איך.

מאָטעק.

# שמחת־תורה־פעהנער!

צוליב אונזער פעראייניגונג מיט „האַחדות“ פערקויפען מיר פאַר אַ שפּאָט בילינען פּרייז

# רויטע
## שמחת־תורה־פעהנער

וועלכע האָבען איצט פאַר אונז מעהר קיין ווערט נישט. אָפּפערטען פאַר הענטע פ. צ., לאָדז, פּיעטריקאָווער 83.

# מכל הנערים
## אין אונזער פעראיין איז צו בעקומען

# מינדעריעהריגע יונגלעך

אויף עליות „מכל הנערים“. זיך צו ווענדען צום פאָרשטאַנד פון די לאָדזער קראַיאָוגאוצעס.

# עוזר דלים




דער סעקוועסטראַטאָר זאָגט ר׳ יודעל משלם, און ר׳ יודעל זינגט: „עוזר דלים“...

# וואס הערט זיך אין די טעאטער־קולוארען?
## „דער זיסער בחור“

אַ קאָפּ־פערדרעהעניש מיט סאַכער־מאַראַזשני אין 2 אַקטען, מיט אַ פּראָלאָג אַלס דאָטאַטעקי נאָדווי־טשיינ, גראַטיס־בילעטען פון אַ שטאַקפעטע, קאָמפּאָזיציע פון אַ שניי־דער, געשבילט אין „פילהאַרמאָניע“

„דער זיסער בחור“ איז אַ פערפלאָנטערטע אָפּערעטקע (אלא „מיש־מאַש“), נאָר נישט יעדער פון אַנסאַמבל קאָן זיך פון איהר אַרויספּלאָנטער־רען.... וואָלט איך געווען דער מחבר פון דער אָפּערעטע, וואָלט איך איהר אַ נאָמען געגעבען „די פערקאָכטע גריץ“.... און אַ גרעסערען טייל פון די „קופּלעטען“ און „געזאַנגען“ מיט וועלכע די גריץ איז פערבראָקט, וואָלט איך אַרויסגענומען, וויל זיי זענען נישט געפעפערט און נישט גע־זאַלצען.

נאָר וואָס טוט גאָט? שיקט ער די רפואה פאַר דער מכה. שיקט ער אונז צו אַזעלכע מזיקים ווי הערמאַן פעניגשטיין און רעגינא צוקער, און דער עולם לעקט די פינגער.

די אונטערשטע שורה:

פון „זיסען בחור“ (לייען: פעניגשטיינען) קאָן מען אַ הנאה האָבען, געניוערע איבפאָרמאַציעס ערטיילט די קאַסע.

# האנדעלס־ביכער
## ווי אַזוי וועט מען פיהרען

לויט דער נייער פעראָרדענונג צו מוזען פיה־רען האַנדעלס־ביכער, איז ווי מ׳טיילט אונז מיט, וועט אין די נייע האַנדעלס־ביכער זיין אַ געוויסע ענדערונג: אנשטאָט די רובריקען „ווינען“ און „מאַ“ וועט זיין „ווינען“ און „מיאל“.

# א נייער מיניסטער

ווי מ׳שמועסט, זאָל צוקומען אַ פונק נייער מיניסטער — אַ ליציטאַציע־מיניסטער.

# „נא ר⸺טי“

ס׳מוז שוין זעהר ביטער זיין אויף דער וועלט, אַז אַפילו די יאַפּאַנער מוזען שלאָגען די כינעזער אויף ראַטעס.

# „צוקער קושעפּי“

מאַן (צום ווייב): דו ווייסט, מיין ווייבעל, דו ביזט די צווייטע זייט פון צוקער.

ווייב: וואָס הייסט?

מאַן: צוקער קושעפּעט און פון דיר באַקום איך די סוכאָטעס.

# אויף רוג פּיעטריקאווער און פאלודניאווא

פאָליציאַנט (צו אַ יוד, וואָס געהט קרום אַ דורך דעם רוג): פּאַניע, פאַרוואָס געהט איהר קרום?

יוד: שוהן קען מען היינטיגע צייטען אויסזעהען, אַז מ׳זאָל געהען מיט׳ן גלייכען וועג...

# דער קונדס

● הומאר
● סאטירע

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאַגע צום נייעם פאלקסבלאַט נומער 245
פרייטאג, דעם 21 אקטאבער 1932

לכבוד סוכות

# זי זוכט איר א „הקפה“...



יוד: א נקבה אין דער שוהל?

מעדעל: כ׳האב געהערט א „פאגלאסקע“, אז דא אין דער שוהל איז היינט אַ ליציטאציע אויף א חתן.

יוד: אמת, היינט פערקויפט מען חתן... תורה.









אויבען רעכטס: אָקטאָבער איז די בעסטע צייט פון יאַגדען. אַ בילד פון יאַגד אויף האָזען.

אויבען אינדער־מיט: זייט פאָרזיכטיג! כראַנאַנדער אין דרעזדען: אַ טראַמוואַי פיהרט אַ צושמעטערטען אויטאָ.

אינדערווייט רעכטס: הע־יאָ אויף בעווך ביי מאַקדאָנאַלד'ן אין לאָנדאָן.

אונטען רעכטס: דער דיכטער וואָלענבערג איז איבערגעפאָהרען געוואָרען אין דיסעלדאָרף פון זיין אייגענעם אויטאָ.

אינדער־מיט: „הע־אָס", אַ נייער טיפ פון כראַנצ. אַ טערוואַסער־שיפלען, איז איצט אַראָפגעלאָזט געוואָרען אין וואַסער.

אויבען לינקס: אַ בילד פון דער וואַהל־קאַמפּאַניע אין די פעראייניגטע שטאַטען. בעגריסונג פון הובער'ן אין איאָווא.

אינדערווייט לינקס: דער דייטשער באָקסער שמעלינג וועלכער האָט אין ניו־יאָרק בעזיגט דעם באָקסער אוזאַקער איז צוריקגעקומען קיין בערלין.

אונטען לינקס: קאַנצלער פאָן פאַפּען האלט אַ גרויסע רעדע אין מינכען.

אונטען אינדער־מיט: פירשטליכע חתונה אין קאָבורג. רעכטס: דער חתן־פרינץ גוסטאַוו אַדאָלף פון שוועדען. לינקס די כלה פרינצעסין סיבילע (אינדער־מיט) מיט איהרע עלטערן. צו דער חתונה איז אויך איינגעלאַדען געוואָרען היטלער, אַ רייה פרינצען און פירשטען האָבען זיך דערייבער אַנגעזאָגט צו קומען צו דער חתונה.











דער נייער פעלקערבונד־קאָמיסאַר פאַר דאַנציג ראָסטינג (דענעמאַרק), איז אַלס ציוויליגער נאָכפאָלגער פון פערשטאָרבענעם גראַף גראַווינאַ בעשטימט געוואָרען.







גער. פינאַנץ־מיניסטער פון פרייסען דר. קלעפער איז צוריקגעטרעטען געוואָרען לויט אַ בעשלוס פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע בים לאַנדטאַג.







אויבען רעכטס: דער נייער פראַכטפולער סטאַדיאָן אין רוים, דער מוסאָליני־פאָרום, איז שוין אינגאַנ־צען פערטיג געוואָרען.

---

אויבען אינדערמיט: דער בוי־סקעלעט פון דער שיף „סופער מיל דע פראַנס", די גרעסטע שיף אין דער וועלט, וואָס ווערט געבויט אין סען נאַזאַר.

---

אינדערזייט רעכטס: דער דייטשער שריפטשטעלער סקאָווראָנעק איז געשטאָרבען אין עלטער פון 70 יאָהר.

---

אונטען רעכטס: אַ בילד פון דער פאַניק, וואָס איז אויסגעבראָכען ביים צוזאַמענשטויס צווישען אַ דאַמפער מיט אַ פראָווינציעלע בריק אין אַ האַפען פון אויסטראַליע.










מעדאַל, צום אָנדענק פון די קרבנות וואָס זענען אומגעקומען אויף דער דערטרונקענער שיף „ניאָבע"





אויבען לינקס: סצענע פון נייעם פילם וועגען קעניג פרידריך דעם גרויסען (רעכטס — עס שפילט דער אַרטיסט טעאָדאָר לאָאָס.)

---

אינדערמיט: אַ בליק אויף אַ גאַס אין בעלפאָרט (ענגלאַנד) נאָך די אונרוהען פון די אַרבייטסלאָזע.

---

אינדערזייט לינקס: קאָנסול מאַרסטען קרעגער, אַ ברודער פון איוואַר קרעגער, איז אַרעסטירט געוואָרען פאַר פיהרען פאַלשע ביכער אין קאָנצערן פון זיין ברודער.

---

אונטען לינקס: אין לאָקאַרנאָ איז פאָרגעקומען דער פראָצעס געגען לאודזשע צעקיני ( ) וועלכער האָט דערמאָרדעט די בערלינערין עווא קאַסעל.





